
100 הונדערט
פאר יעדן, אויסגעהאלטן 100%
בס"ד פרשת משפטים תשפ"ב
יאָר 2 נומער 47#
January 23, 2022
NY-NJ $6.99
Other US Cities $7.50
Canada $8.50
UK £6.50
Antwerp €7.99
Vienna €8.70
Switzerland F 8.00
6 08011 09427
נייע קאמיקס!
דער מח קריג!
HATTER
SZASZI
Hutmacher
דער פאַרצייטישער
קאַפעלוש מאַכער
פון ווינען
האנדל וואנדל
באַראַ באַראַ
ערשטע
סעט קארטלעך
ביי געלייגט
100 דער ציילט

יו"ל ע"י הוצאת
הונדערט, ניו יארק

פאר יעדן, אויסגעהאלטן 100%

**רעדאקטאר**
הר"ר מענדל הערש פאנעט

**ועד החינוך**
הרה"ג ר' חיים צבי מענדלאוויטש
הר"ר נפתלי משה ווייס

**מגיה ראשי**
הרב ר' דוד אלימלך צאנגער

**די רעדאקציע**
eic@hundred.pub

**סובסקריפשאן**
718.289.0100
subscription@hundred.pub

**ענטפערס, בריוון און בילדער**
85 Bolivar Street
Staten Island, NY 10314
Fax: 718.289.0101
pictures@hundred.pub

אדווערטייזמענט:
פאר אינפארמאציע רופט:
718.289.0100 #205

Hundred Publications LLC
85 Bolivar Street
Staten Island, NY 10314
Tel: 718.289.0100
Copyright © 2022
Duplication or photocopying of any photographs or graphical art from this magazine in any format for whichever purpose is against the law and Halacha.
המו"ל "הונדערט", כל הזכיות שמורות

עס איז נישט ערלויבט צו קאפירן די בילדער אדער גראפיק אויף קיין שום צורה ואופן, אָן שריפטליכע ערלויבעניש פון די רעדאקציע.


8
**פרשה מאָלעריי:**
**שלש רגלים**


18
**שמועס:**
דער פאַרצייטישער **קאַפעלניש מאַכער**
הרה"ח ר' **שמואל יחיאל שפירא** שיחי'


34
אַ בליק אויף צוריק:
**מְקַדֵּשׁ עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל**


66
נייע דראמאטישע קאמיקס:
**דֶער מֹחַ קְרִיג!**


64
מייסטערווערק:
**וַהֲסִירוֹתִי מַחֲלָה מִקִּרְבֶּךָ!**


48
האַנדל וואַנדל:
**באָרַא באָרַא**


70
לְכָבוֹד ר' אַלְטֶר:
**אומאייניגע פינגערס**


74
פון 1 ביז 100:
**געפאַנצערטע אַמבולאַנסן**



— דער בית החיים אין די שטאט ראַוויטש היינט צוטאג



— דער רינעק (מארקפלאץ) אין די שטאט ראַוויטש מיט'ן ראטהויז אינ'ם הינטערגרונט

## — ראש השנה בייַנאַכט אין אַ ליידיגע שול

דאס קליין הייפעלע אידן אין ראַוויטש וואס זענען א גאנץ יאר אזוי עלנד און איינזאם, דערשראקן און אומפארזיכערט, ווען עס קומט אבער חודש תשרי, ווערט זיי אביסל לייכטער אויפ'ן הארץ. יעדעס יאר ערב ראש השנה, קומען קיין ראַוויטש צענדליגע אידישע זעלנער וואס דינען אין פוילישן מיליטער און האלטן זיך אויף אין מיליטער באזעס ארום ראַוויטש.

אט קומען שוין די סליחות טעג, דער עלטסטער איד אין שטעטל, ר' אברהם מרדכי ענגעל, ווענדט זיך צום בירגערמייסטער מיט א ביטע, אז ער זאל איבערגעבן דאס שליסל פון די שול אויף ראש השנה, ווען ס'איז ערווארטעט צו זיין א מנין פון צווישן די לאקאלע אידן און די צענדליגע אידישע זעלנער וואס וועלן קומען אין שול דאווענען און הערן שופר בלאזן.

עס פאסט אבער נישט דעם בירגערמייסטער אזוי גלאטיג איבערצוגעבן דאס שליסל. ער הייסט אז מ'זאל צו אים קומען ערשט ערב ראש השנה פאר'ן שליסל. ערב ראש השנה אינדערפרי, ווען מ'קומט צו אים אפנעמען דעם שליסל, לאזט ער זיך ווייטער מדחה זיין. ערשט שפעט נאכמיטאג, ווען מ'גרייט זיך שוין צום דאווענען, שיקט ער אריבער דאס שליסל מיט א שליח צו די שטוב פון מר. ענגעל.

ענדליך עפענען זיך די טויערן פון די ראַוויטשער שול. אין די לעצטע מינוטן איידער עס קומט אריין דאס ניי־יאר, נעמט מען אראפ דעם טונקעלן פרוכת פונ'ם ארון קודש, און מ'באדעקט עס מיט'ן ווייסן פרוכת. מיט א הייליגן ציטער שטעלט מען זיך דאווענען מנחה, און דערנאך מעריב. מ'הערט דאס התרגשות געוויין פון די פארשטויבטע כותלי בית המדרש וואס האבן שוין לאנג נישט געהערט קיין אמן יהא שמיה רבא.

## — צוריקגענומען דאָס שליסל

אינדרויסן גייט אדורך דער געוועזענער בירגערמייסטער מארטשיניאק, דער אנטיסעמיט וועלכער שטייט אונטער די גאנצע העצע נישט אפצוגעבן די שול פאר די אידן. ער שטעלט זיך אפ ביים שול טויער, און מאכט אן א רעש אינדרויסן פון שול. ער שרייט און טענה'ט, אז די שול געהער צו די קריסטליכע מאגיסטראט, און אז די שול טאר נישט זיין אפן צום דאווענען. די אידישע קהלה אין ראַוויטש איז שוין פון לאנג אויפגעלעזט. איי די אידישע זעלנער, צו וואס ערלויבט מען זיי קומען דאווענען? ווי לאנג זיי דינען אין מיליטער, טארן זיי נישט פארלאזן זייער אמט!

די העצע פון מארטשיניאק האט געווירקט, און צומארגנס - דעם ערשטן טאג ראש השנה אינדערפרי - האט ביי מר. ענגעל אין שטוב אנגעקלאפט א שליח פון מאגיסטראט, און געבעטן ביי די דינסט דאס שליסל פון די שול, אויף בלויז א פאר קורצע מינוט, ווייל מ'דארף עפעס באקוקן אין די שול.

ווען מר. ענגעל איז אביסל שפעטער געגאנגען צוריקבעטן דעם שליסל, וועלנדיג עפענען די שול צום דאווענען, האט מען אים אבער קאטעגאריש אפגעזאגט, און אין פנים אריין געזאגט, אז ציווילע אידן זענען דא צו ווייניג, און זעלנער זענען נישט ערלויבט צו דאווענען...

אזוי האבן די ראַוויטשער אידן געדאווענט דעם ערשטן טאג ראש השנה אין א צווייטן לאקאל, און ערשט צומארגנס, דעם צווייטן טאג ראש השנה, האט מען מיט גרויס שתדלנות גע'פועל'ט אז מ'זאל זיי אריינלאזן אין זייער שול צום דאווענען און צו תקיעת שופר.



— לייכטער וואס דער ראַוויטשער רב הג"ר שלמה הערצפעלד זצ"ל (און אייניקל פונ'ם פני יהושע), האט מנדב געווען פאר די ראַוויטשער קהלה אין יאר תקע"ג (1813)



— דאס פלאץ וואו די שול איז געשטאנען היינט צוטאג אין ראַוויטש. בקרוב ווען משיח וועט קומען, וועט דאס פלאץ אויך מיטגיין קיין ארץ ישראל


פראַנקרייך אין פלאַמען
5
קום אַריין, הער פּיעָרָא.
פאַרמאַך די טיר!
וואס ברענגט דיך דאַ היינט, פּיעָרָא?
פאַרמאַך דעם פורהאַנג!
איך וויל נישט אַז איינער זאל מיך דא זען!
גוט, יעצט קענסטו שוין רעדן.
מיר האבן אַן ערנסטע פּראָבלעם. אַ מיסטעריע!
אַ פּאַציענט אין די יונגע 20'ער יארן איז פארוואונדעט געווארן ביים פראָנט, אין איטאַליע...


פראַנקרייך אין פלאַמען
מיר האָבן אַפּערירט אין - גיב נאָר אַ קוק! דאָ ליגט דעם פּאַציענט'ס אינפאָרמאַציע.
אָהָ... דאָס פּאַפּיר איז ליידיג, דאָקטאָר פּיערָרא!
וואָס?! ס'איז ליידיג?! אוי וויי!
דאָס פּאַפּיר! עס איז ערגעץ אַרויסגעפאַלן! אין גאַס - נעבן דעם בוים... זיי וועלן וויסן -
באַרואיג זיך, פּיערָרא.
דאָס פּאַפּיר איז נישטאָ. ס'איז מסתּמא באַגראָבן ערגעץ אונטער די שניי. וואָס געדענקסטו וועגן דעם פּאַציענט און זיין צושטאַנד?
די וואונד היילט זיך נישט אויס. יעצט דערקענט זיך דאָרט אַן אָנצינדונג.


פראַנקרייך אין פלאַמען
עֶפֶּעס שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבְּן בַּיי דִי הֲלָכוֹת פוּן טְרֵיפוֹת, וֶועגְן אַ וואוּנְד -
אוּמְגְלוֹיבְּלִיךְ! אַ רַאבִּינֶער וֶועלְכֶער הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלֶערְנְט דָאקְטָארַיי, ווֵייסְט מֶער ווִי אַלֶע פְרַאנְצוֹיזִישֶׁע דָאקְטוֹירִים צוּזַאמֶען!
ווִי שְׁטֶענְדִיג, הָאט ר׳ מְנַשֶּׁה צוּגֶעטְרָאפְן אַ קְלוּגֶע בַּאהַאנְדְלוּנְג וָואס דִי בֶעסְטֶע דָאקְטוֹירִים הָאבְּן נִישְׁט אוֹיסְגֶעטְרַאכְט. חָכְמַת הַתּוֹרָה אִיז טִיפֶער אוּן שְׁטַארְקֶער פוּן אַלֶע וֶועלְטְלִיכֶע קְלוּגְשַׁאפְט...
דוּ זָאלְסְט טוּעֶן אַזוֹי - שְׁנַיידְן דָא, אוּן דַאן דָארְט...
אִיךְ הֶער. דָאס מֵיינְט אַז מִיר דַארְפְן ווִידֶער אַפֶּערִירְן.
גֶעדֶענְק אוּנְזֶער אָפְּמַאךְ, פִּיעְרָרָא!
אִיךְ וֶועל עֶס קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן...
אַן עֶלְטֶערֶער אִיד אִין שְׁפִּיטָאל אִיז אִין אַ קְרִיטִישֶׁער צוּשְׁטַאנְד...
אִיךְ ווֵייס! אִיךְ הָאבּ עֶרְלֶעדִיגְט דִי בֶּעסְטֶע בַּאהַאנְדְלוּנְג פַאר אִים!
פארזעצונג קומט אי"ה

# פראַנקרייך אין פלאַמען




פארזעצונג קומט אי"ה

# דער בונד מיט די פיראטן

געשריבן דורך:
**ר' מענדל הערשקאוויטש**

געמאלן דורך:
**ר' יעקב ירחי**

20



# דער בונד מיט די פיראטן

**אין קורצן פון פריער:** נארבוטא און פיראנא פארכאפן דעם אידיש יונגל ירחמיאל, וואס איז ווי דאס שווארץ אפל פון אויג פון משה הענריקאז. מיט דעם באוויזן זיי אראפצוברענגען משה צו די קניען, זיך צו קומען בעטן ביי זיי צוריקצוגעבן דאס קינד.





דער בונד מיט די
פיראטן
עטליכע טעג שפעטער, אין רסיפא:
א בריוו פון'ם הויכגעשעצטן גארביטא!
פוי! דא אין רסיפא איז ער בכלל נישט געשעצט. ווען נישט זיין פארכאפטן משכון, וואלט ער שוין לאנג נישט עקזיסטירט...
זייט מיר מוחל, איך בין נאר א שליח...
"...דאס קריסטליך קינד איז אריבערגעפירט געווארן צו א פריוואטע טורמע נעבן דזשעמעיקע, יעצט דארפט איר אריבערפירן צו אונז די געגנב'עטע אוצרות".
מ'דארף גיין דארט אים באזוכן, צו זען אויב ער איז אין ארדענונג!
זיכער! און מ'וועט מיטנעמען דריי שיפן פאר שוץ... זיכער צו מאכן אז ס'איז נישט קיין פאסטקע.
איך בין שווילינ, דער טורמע הויפט! איך וועל אייך ארומווייזן אין די טורמע!
א שפאנישער... אינטערעסאנט!
וואס מאכט דאס קינד?
אה, גאר גוט! דאס איז דאס ערשטע מאל וואס איך האב א קינד ביי מיר אין טורמע. מ'היט גוט אויף אים! ער עסט אבער נישט קיין שום געקעכטס וואס דער קעכער גרייט צו! נאר פרוכט און גרינצייג...
פארזעצונג קומט אי"ה

# פראַנצויזישע פּאָלינעזיע



די פראַנצויזישע פּאָלינעזיע, איז א קאָלאָניע פון **פראַנקרייך**, דהיינו לענדער וואס זענען אונטער זייער שוץ\הערשאַפט.

דער געגנט האט קודם געהערט פאר די ענגלענדער, ווען אן ענגלישער גענעראל **סאמועל וויילס** האט דאס איינגענומען אין יאר תקכ"ז *(1767 למספרם)* און איז אריבער אונטער די הערשאפט פון די פראנצויזן אין יאר תר"ב *(1842 למספרם)*.

אלע איינוואוינער פון די אינזלען וועלכע זענען אונטער'ן פראַנצויזישן פּאָלינעזיע, ווערן פארעכנט אלס פראנצויזישע בירגער, פארמאגנדיג א פראנצויזישער פאספארט.

ווי אויך איז די אפיציעלע שפראך דארט פראנצויזיש, אבער מ'רעדט דארט אויך ענגליש.

די צווייטע אפיציעלע שפראך איז **טאַהאָיטיש**, א שפראך פון די איינוואוינער וואס האבן געוואוינט דארט אײדער די ענגלענדער זענען אנגעקומען אהין, וועלכע פארשער האלטן, אז זיי זענען וואַנדערער פון אַזיע, ווי כינע און די לענדער ארום. אבער איין מאל די ענגלענדער זענען אנגעקומען צו דעם אינזל, זענען גאר אסאך פון די פרימיטיווע שבטים אויסגעשטארבן פון די קרענק וואס די אייראפעאישע האבן געברענגט מיט זיך, און די אלטע שבטים האבן זיך נישט געקענט פארמעסטן מיט דעם.

אינ'ם פראַנצויזישן פּאָלינעזיע, געפינען זיך א רייע אינזלען, גרעסערע און קלענערע, אזש ביז פיצעלע אינזלען וואס מ'קען בכלל נישט וואוינען דערויף.

די מערסטע באוואוינטע אינזלען, ווערן אנגערופען די **געזעלשאפט אינזלען**, אין וועלכע עס געפינען זיך א גרעסערע צאל אינזלען.

לויט ווי מ'שאצט, וואוינען היינט אין די געזעלשאפט אינזלען 214,445 איינוואוינער.


די פאן פון די פראַנצויזישע פּאָלינעזיע


א מאלעריי ווי די ענגלענדער קומען אן צו די ברעגעס פון די אינזלען


א שאסיי אין באָרא באָראַ




אן עראפלאן פליט העכער דעם לאַגאָן וואו מ'קען קלאר זען דער קאָראַל און די פיצעלע אינזלען

א קלאון פיש שווימט אין אן אַנעמאָני, נעבן די ברעגעס פון באָראַ באָראַ

די הערליכע אַנעמאָניס (anemone) אויף די קאָראַל, וואס מ'קען זען אין זאלציגע פיש (מארין-ריף) טאנקען מיט קלאון פישלעך ארום דעם

די הייזקעלעך געבויט ארויס אויפ'ן לאַגאָן, עס געבט א געפיל פאר די געסט ווי זיי וואלטן געוואוינט ממש אויפ'ן ים

דער [illegible]ליכער בארג אין צענטער פון באָראַ באָראַ

א פיצעלער אינזל, גענוג גרויס פאר א שטענדער מיט א גמרא...

# די הערליכע פיש און ים באשעפענישן

דארט אין **באָראַ באָראַ**, דארף מען נישט האבן קיין **פיש טאנק** (אקוואריום), צוליב די נידריגע לאַגאָן וואסערן, וואס זענען קריסטאל קלאר, אז מ'קען ממש אריינקוקן אין ים און זען גאר קלאר די הערליכע פיש און ים באשעפענישן.

צוליב דעם וואס דאס וואסער איז אזוי נידריג, קען מען ממש אריינגיין אין געוויסע חלקים פונ'ם וואסער - וואס דערגרייכן בלויז ביז די קניען - און פילן ווי הערליכע קאלירפולע פיש שווימען ארום די פיס.

נישט בלויז די פילפארביגע פיש קען מען דארט זען שווימען, נאר אויך שארקס! טאקע שארקס, אבער נישט די געפארפולע שארקס. אבער ס'איז פארט גאנץ אינטערעסאנט (שרעקעדיג פאר מיר...) צו זען שארקס שווימען נעבן די מענטשן...

אסאך ים-טויכערס וועלכע ווילן פארשן נפלאות הבורא פון אונטער'ן ים, וועלן אויס די אינזלען פאר א גוטע סטאנציע. צוליב דעם וואס דאס וואסער איז נידריג און גאר רואיג, קענען די טויכערס זיך רואיג ארומדרייען אונטער'ן וואסער, און זען פון די נאנט די הערליכע פיש. דאס מיינט, אנשטאט די פיש זאלן זיין אין א טאנק, גייען די מענטשן אליין אריין אינ'ם נאטורליכן אקוואריום פונ'ם רבונו של עולם!

## יבשה

ווי געזאגט, איז באָראַ באָראַ טאקע אן אינזל, און יא, אינמיטן דער אינזל, זעט עס אויס ווי א שטאט, געהעריגע גרויסע געביידעס, אפילו א קליינער לופטפעלד, וואו עס לאנדן יעדן טאג כאטש פינף עראפלאנען פון אמעריקע אליין...

אבער אסאך געסט וועלן די **באָראַ באָראַ** איינוואוינער פלאצירן אין ים... ניין נישט ווי די סדום'ניקעס וועלכע האבן ארויסגעווארפן די געסט, נאר ווייל זיי האבן געבויט אכסניות ווי באנגעלאוס, וועלכע שטייען אויף שטאנגען אין די נידריגע לאגאן וואסערן (אין ווענעציע זענען די הייזער לכתחילה געבויט אויף די שטאנגען, אבער מ'זעט זיי נישט, אבער דא אין **באָראַ באָראַ** זעט מען זיי יא קלאר. די סארט הייזער ווערן דערמאנט אין חז"ל כמה פעמים, א שטייגער ווי אין די משנה אין מסכת נגעים **בֵּית הַבָּנוּי... עַל אַרְבַּע קוֹרוֹת**).

די הייזער זענען אויסגעשטאט מיט הערליכע צימערן און מעבל, כדי אז די געסט וואס קומען ווילן אין באָראַ באָראַ, זאלן פילן באקוועם (און זאלן וועלן צוריקקומען...).


די הערליכע סטינג-רעי פיש שווימט צווישן די הייזקעלעך


א ים שטערן פיש אויף דער קאָראַל נעבן באָראַ באָראַ


דאס איז נישט אן אקוואריום, אזוי זעט אויס דער לאַגאָן אין באָראַ באָראַ


די הייזקעלעך אויפ'ן לאַגאָן פאר די פילע טוריסטן


די הייזקעלעך געבויט ארויס אויפ'ן לאַגאָן



א פיצעלער אינזל אויף א קאָראַל מיט הערליכע ביימער



# די אינזלען

די אינזלען זענען פון דער סארט **אַטאָל** אינזלען (*Atoll*) וועלכע געפינען זיך אין א **לאַגאָן** (נידריגע וואסערן אין דער גרויסער ים), א שטייגער ווי וואס מ'זעט אין ווענעציע.

די לאגאן שטייט אויף א **קאַרבאָנאַטע איבערפלאך** (אנדערע רופן עס א **קאַרבאָנאַטע פאָליצע** *Carbonate Platform*), וואס אויף דעם האבן זיך באזעצט די הערליכע **קאָראַל ריף** (וואס מ'זעט אפט אין זאלץ-וואסערדיגע פיש אקווארזימס).




די **קאָראַל** קען וואקסן גאר גרויס. ווי עס ווערט געברענגט, איז דאס א ממוצע צווישן א צומח און א דומם. זיי קומען אין פארשידענע סארטן און פארעמס. די **קאָראַל** ציט צו זיך פיש און אנדערע ים באשעפענישן וועלכע ערנעהרן זיך דערפון, און געבן צוריק פאר די **קאָראַל** זייער שפייז.

די **קאָראַל** האלטן זיך אין איין פארמערן אויף גאר א שטארקן פארנעם, און צעוואקסט זיך אין די לענג, ברייט און הייך.

די פילע סארטן אינזלען, גרויסע און קליינע, זענען ממש מורא'דיג צו זען די מורא'דיגע נפלאות הבורא. די **קאָראַל** פלאצירט זיך אויף די אינזלען, וואס דאס ברענגט גאר אינטערעסאנטע ריף פיש, און דאס ציט מענטשן אהינצוקומען זיי באטראכטן, און א חלק פון זיי ברענגט מען טאקע אהער קיין אמעריקע און ווערט פארקויפט פאר די וואס פארמאגן אקווארזומס, אדער נוצט מען זיי צו באשרייבן אין די הונדערט...

דער פלא איז, אז פון די **קאָראַל** זענען דא פון קליינטשיגע אינזלען, ביז ריזיגע אינזלען וועלכע זענען גאנצע שטעט! און מ'זעט קלאר ווי זיי האלטן זיך אין איין טוישן.



א בילד פון א קליין אינזל וואו עס וואוינט בלויז איין פאמיליע





הערליכע קאָראַל ריפס



די קאָראַל ריפס אויפ'ן גאר נידריגן ים-פלאך אינ'ם לאַגאָן פון די אינזלען



צוויי ים-טויכער פארשן אויס די הערליכע קאָראַל-ריפס אונטער די וואסערן



## אידישקייט

פאר אלעם - האט ר' העניך קלאר געמאכט פאר הלל - אז מ'וועט דארפן מיטנעמען כשר'ס צו עסן, ווייל אין **באָראַ באָראַ** איז נישטא צו טרעפן כשר'ע עסן, אויסער אויב מ'עסט בלויז פרוכט און גרינצייג... (אדער מ'פאנגט אליין פיש וואס מ'דערקענט אז ס'איז כשר).

אבער אין די הויפשטאט **טאהיני**, זענען יא פארהאן ארום 200 אידן. טייל פון זיי זענען לײדער נישט פרום, אבער פאר די אידן וואס זענען שומרי תורה ומצוות, איז דא א שול, און די שול האט אפילו א הכנסת אורחים פאר די וואס האבן נישט וואו איינצושטיין.

## כשר'ס

דארט אין די הויפשטאט טאהיני, איז דא צו באקומען כשר'ע עסן וואס דער ראש הקהל הרב רויז שטעלט צו, און ברענגט אריין פון פראנקרייך, וואס קאסט גאר גרויסע געלטער. "דערפאר" - זאגט אונז ראביי רויז, "עסן מיר פליישיגס בלויז שבת קודש, אדער ימים טובים, אדער ביי סעודות מצוה".

אבער ס'איז קלאר, אז פאר היימישע אידן איז אסאך בעסער צו וואוינען אין א היימישער אידישער ישוב, וואו מיר האבן חדרים, ישיבות און בתי מדרשים, און כשר'ס צו עסן, אן דארפן צאלן פאר מהודר'דיגע פלייש עפרות זהב.



די שול אין טאהיני פונדרויסן



די שול אין טאהיני

## קרישקעלעך איבער די שול אין טאהיטי

לויט ווי מ'דערציילט אונז, איז די שול אן ארטאדאקסישע שול, און ס'קומען דארט פאָר שיעורים במשך דעם טאג, ווי אויך אזא נאכמיטאג אידישער חדר (עפעס אזוי ווי א מתמידים), און א פלעי גרופ פאר קלענערע קינדער.

די שול איז געבויט געווארן אין יאר תשנ"ג, דורך נגידים פון פאריז און אמעריקע.

אפילו א צעטעלע פון זמנים פון די מנינים האבן מיר באקומען!

ערשטער מנין שחרית פון זונטאג ביז פרייטאג: 7:00 אינדערפרי.

צווייטער מנין שחרית שטעלט זיך: 7:30.

ראש חודש איז דא בלויז איין מנין שחרית: 7:30 אינדערפרי.

אין די יעצטיגע צייט איז מנחה 5:30, און מעריב 6:00.

זיי האבן דארט א מקוה, א הכנסת אורחים, מיט א שטיקל רעסטוראנט, וואו געסט וואס קענען זיך נישט ערלויבן, קענען דארט עסן בחנם.

## די דייטשן ימ"ש אטאקירן די אינזלען

די אינזלען זענען ווייט פון יעדן, און מ'לאזט זיי מנוחה. אבער איין מאל איז דאס לאנד יא אטאקירט געווארן. דאס איז געווען ביי די ערשטע וועלט מלחמה, ווען די דייטשן ימ"ש האבן געגלוסט צו באקומען די גרויסע גאזאלין זאַפּאַסן וואס זענען געווען אויפ'ן אינזל, זיי האבן באמבארדירט די פראנצויזישע קריגס שיפן וועלכע זענען אלע איינגעזונקען אין ים. דערנאך האבן זיי באמבארדירט די אינזלען, און אנגעמאכט גאר גרויסע שאדנס. עס האט אבער כמעט נישט געקאסט קיין מענטשליכע לעבנס.

די דייטשן האבן שנעל אפגעטראגן פון דארט זעענדיג אז די פראנצויזן האבן שנעל חרוב געמאכט די גאזאלין זאַפּאַסן, כדי עס זאל נישט ארייפאלן אין די הענט פון די דייטשן.

עס האט גענומען אסאך יארן אז די אינזלען זאלן זיך צוריקשטעלן אויף די פיס נאך די דייטשע באמבארדירונג.

ביז היינט קען מען נאך זען אלטע קאנאנען וואס די אמעריקאנער האבן אראפגעשטעלט ביי די ברעגעס צו היטן אויף די אינזלען.


הערליכע סטינג-רעי פיש מיט אנדערע טייערע זעלטענע פיש


דער פאספארט קאנטראל שטיבל... אפילו דער לופטפעלד איז עקזאטיש!


די קליינע עלעקטרישע אויטאס וואס ווערן גענוצט ארומצופירן די געסט אויף די בערג און טאלן


אן אלטער אמעריקאנער קאנאן

## די שיינקייט פון ארץ ישראל



מיר לייענען איבער אזעלכע שיינע אינזלען, קען אנכאפן ביי געוויסע א גלוסטעניש אנצוקומען אהין. אבער טייערע קינדער, חז"ל זאגן, אז ארץ ישראל איז אמאל געווען די שענסטע לאנד אין די וועלט, און ווען די אידן זענען געגאנגען אין גלות, איז מיטגעגאנגען אין גלות די מעלות פון ארץ ישראל. ווי דער **בעלזער רב זי"ע** האט געזאגט, אז די שיינע בערג פון ארץ ישראל איז געגאנגען קיין שווייץ (ביז משיח וועט קומען, וואס דאן וועט עס צוריקגיין).

מיר ווייסן נישט פונקטליך וועלכע חלק שיינקייט קומט פון ארץ ישראל, אבער דאס איז זיכער, אז ווען משיח צדקנו וועט קומען, וועלן מיר פון פריש האבן די שענסטע לאנד אין די וועלט, און אודאי נישט דארפן גלוסטן צו גיין סיי וואו.

דערווייל זעצט אייך לערנען פלייסיג, ווייל די אלע תענוגים בלייבן נישט, אבער דער תענוג פון א מצוה בלייבט אויף אייביג, און מען דארף נישט פאָרן צוויי טעג ביז די גמרא. עס איז ממש דא.

# וואונדערליכע נאַטור

**הר"ר אלי' האפפמאן**



## זאַמד-קאַץ
*Sand Cat*

דער מדבר איז הייס און ענדלאז, און אמאל איז שווער זיך פארצושטעלן ווי אזוי א באשעפעניש קען לעבן אין אזעלכע סארט אומשטענדן.

כאטש וואס ס'איז זיי שווער צו באמערקן, זענען אבער פארהאן אסאך באשעפענישן אין די זאמדיגע וויסטענישן, וואס דער אויבערשטער האט באשאנקען מיט ספעציעלע אייגנשאפטן נויטיג פאר אזא סארט לעבנסשטייגער.

צווישן די באשעפענישן, שטארצט ארויס דער קלענסטער סאָרט קאַץ אויף די וועלט, און אט ווען מיר זיך עטוואס באקענען מיט איר לעבנסשטייגער.

## אידע שטחים

די **זאַמד-קאַץ** לעבט אין דער וויסטער **סאַהאַראַ מדבר** פון **צפון אפריקע**, ווי אויך אין א צאל מדבריות פון דרום-מערב און צענטראל אזיע (אין די פארגאנגענהייט האבן די קעץ געלעבט אין ארץ ישראל, אבער זיי זענען שוין דארט נישט געזען געווארן פאר מער ווי 20 יאר).

די קאַץ גלייכט צו לעבן אין שטחים וועלכע זענען פלאך, און פארמאגן דא און דארט קליינע געוויקסן. אין די זעלבע צייט, וועט זי אויסמיידן אזעלכע ערטער וואו עס פארמירן זיך בערג פון ווייכע זאמד, ווייל געווענליך וועלן נישט זיין דארט קיין אנדערע באשעפענישן אויף וועלכע זיך צו שפייזן.

## א פלאַכער אויסזען

די זאַמד-קאַץ איז א קליין באשעפעניש וואס פארמאגט א פלאכער קאפ - אין פיזישן זין פון ווארט. א חלק פון דעם פלאכן אויסזען נעמט זיך פון דעם וועג ווי אזוי איר קאפ איז אויסגעשטעלט. ביי אנדערע קעץ וועלן די אויערן זיין העכער'ן קאפ אויף די צוויי זייטן פון אויבן, אבער ווי מיר וועלן באלד זען, איז וויכטיג פאר א זאַמד-קאַץ אז אירע אויערן זאלן זיין נאנט צו די ערד, וואס דעריבער האט דער באשעפער זי אזוי באשאפן, אז די אויערן ליגן טאקע אויף די זייטן, אומגעפער ביי די זעלבע הייך פון איר שטערן.



זעט אויס גאנץ באקוועם אין די ווייכע מדבר זאמד...



מ'קען פילן די אנגעשפיצטקייט פון אירע אויערן

די אויערן זענען אומגעפער דריי אינטשעס לאנג, און ווערן פארענדיגט מיט א קליינער שווארצער פלעק.

פונדרויסן זענען די אויערן נישט צופיל אנדערש ווי די אויערן וועלכע מ'געפינט ביי די קעצלעך וואס מ'באגעגנט אויף די גאס, אבער אינעווייניג ווארט אפ אן איבערראשונג. די לעכער פון די אויערן זענען צוויי מאל אזוי ברייט, און דאס געבט די זאַמד-קאַץ גאר א שארפער חוש השמיעה. די גרויסע לעכער ברענגען א געפאר אז שמוץ וועט דארט אריינפאלן, דעריבער וועט די זאַמד-קאַץ פארמאגן אסאך געדעכטע האר אינ'ם אויער וואס זאל דאס פארמיידן. עס איז ממש נפלאות הבורא, ווי אזוי יעדע זאך איז אזוי גענוי אויסגערעכנט פאר יעדן באשעפעניש.

## איר קערפער

די זאַמד-קאַץ וועגט בלויז צווישן דריי און אכט פונט, און שטייט ביי א הייך פון אביסל מער ווי 14 אינטשעס ביי די אקסלען, מיט א לענג פון ביז 20 אינטשעס. אין צוגאב, פארמאגט די קאַץ א פארהעלטניסמעסיג לאנגער ווידל וואס וועט צולייגן נאך א פוס צו איר לענג!

איר פעל קאליר איז העל ברוין, און איז נאכמער לעכטיג ביים אונטערשטן חלק פונ'ם קאפ, ארום די נאז, האלז און אויך אויפ'ן בויך. די פלעקן אויף די פעל, זענען שטארק פארשידנארטיג פון איין קאַץ צו די צווייטע. געוויסע זאמד קעץ וועלן בכלל נישט פארמאגן קיין פלעקן אדער שטרייפן, אנדערע וועלן האבן לעכטיגע פלעקן, און ווידער וועלן זיין געוויסע קעץ וואס וועלן זיין באצירט מיט בידע, סיי מיט שטרייפן און אויך מיט פלעקן.

פאר די קעץ וואס וואוינען אין אזעלכע ערטער וואו עס ווערט גאר קאלט אין ווינטער, וועלן די האר פון די פעל ווערן היפש געדעכט אין ווינטער, און דערגרייכן א לענג פון ביז צוויי אינטשעס. נעמענדיג אין באטראכט ווי קליין איר קערפער מעסט זיך, איז דאס גאר א לאנגע פעל, און דאס וועט איר האלטןווארעם אין די פרעסט.

גייענדיג צוריק צום קאפ, וועט מען באמערקן צוויי אינטערעסאנטע רויטע ליניעס, וועלכע ציען זיך פון בײדע זייטן פון די אויגן, און גייען אין ריכטונג פון די באקן. אירע אויגן זענען געל-גרין, און ארום די אויגן איז דא א ווייסע רינג. די נאז איז שווארץ, און פון די זייטן וואקסן ארויס די לאנגע וואָנצעס (whiskers), וועלכע קענען דערגרייכן איבער דריי אינטשעס.

אויף די פיס פון פארנט וועט מען געפינען עטליכע שווארצע אדער טונקל ברוינע שטרייכן. דער ווידל פארמאגט א שווארצער עק, און עטליכע שווארצע רינגען. גייענדיג ווייטער צו די פיס פינגערס, וועט מען באגעגענען קורצע - אבער גאר שארפע - נעגל ביי די פאדערשטע פיס, און מער גלאטע נעגל ביי די אונטערשטע פיס.

צום לעצט, אונטער די פיס, פארמאגט די קאַץ א דיקער צודעק פון האר וואס וואקסט ארויס פון צווישן די פינגערס. די האר קומט צו באשיצן די פיס פון די קאַץ ביים שפאצירן



טאקע א פלאכער קאפ...



אין א געפעכט מיט א גיפטיגער שלאנג



ווער קען באמערקן ווער עס האלט זיך דארט אויף אין די הייל?

אין מדבר, וואו די זאמד קען דערגרייכן א היץ פון איבער 120 גראד. די האר וועט אויך באהאלטן די פיסטריט פון די קאַץ אין די ווייכע זאמד, און דאס מאכט די ארבעט פון נאכפאלגן די קאַץ גאר שווער אין אזעלכע ערטער.

עס איז ממש נפלאות הבורא, ווי דער באשעפער שטעלט צו פאר יעדן באשעפעניש, די גענויע אייגנשאפטן וואס פארלאנגען זיך צו עקזיסטירן אינ'ם פלאץ וואו עס איז אוועקגעשטעלט צו וואוינען.

## א באהאלטן באשעפעניש

ווי קעץ אין אלגעמיין, איז די זאַמד-קאַץ אן איינזאמע באשעפעניש, וואס לעבט אליין פאר זיך אין איר אייגענע טעריטאריע, סיידן ווען מ'רעדט פון א מאמע מיט אירע קינדער. די קאַץ געבט ארויס געשרייען וואס ווערן פארגליכן צום געשריי פון א געווענליך קעצעלע, און וועט אנצייכענען די טעריטאריע מיט קערפערליכע פליסיגקייטן און איבערלאזן קראצן צייכנס דורכאויס דעם שטח.

אין זאך מיט וועלכע די קאַץ קען גרינג אידענטיפיצירט ווערן, איז דער אינטערעסאנטער וועג ווי אזוי עס שפאצירט ארום. די קאַץ האלט דעם בויך נאנט צו די ערד, און גייט מיט שנעלע פלינקע טריט, ממש ווי א גלויף, ווען יעדע שטיק צייט וועט זיך די קאַץ געבן א הייב אויף און געבן א שפרונג. ווען ס'פעלט אויס, קען די קאַץ זיך ארויסלאזן אין א שנעלן גלויף, וואס קען גרייכן א שנעלקייט פון 25 מייל פער שטונדע. דאס איז גאר שנעל, ווען מ'נעמט אין באטראכט וואספארא קליינע פיסעלעך דאס באשעפעניש פארמאגט.

## די אפרוה נעסט

ווי קעץ אין אלגעמיין, זענען די זאמד קעץ די מערסטע אקטיוו דורכאויס די נאכט שטונדן, אבער דא אין מדבר פארמאגט די קאַץ נאך א סיבה פאר דעם לעבנסשטייגער. בייטאג איז די היץ אינדרויסן אומדערטרעגליך, דעריבער, ווי נאר די פרימארגן וועט אויפשיינען, וועט די קאַץ אריינקריכן אין א הייל, און דארט פארבלייבן במשך דעם גאנצן טאג.

די היילן זענען געווענליך די ארבעט פון אנדערע באשעפענישן (א שטייגער ווי שטעכלערס אדער פוקסן), וועלכע האבן זיי אויסגעגראבן אבער שפעטער פארלאזט. זיי מעסטן זיך געווענליך ביז פינף פיס טיף, און פארמאגן איין אריינגאנג. די קאַץ קען פארמאגן עטליכע אזעלכע היילן דורכאויס איר טעריטאריע, און כאטש וואס מ'האט שוין געזען אנדערע קעץ וועלכע האבן זיך באנוצט מיט די זעלבע הייל, וועלן זיי אבער קיינמאל נישט נוצן די זעלבע הייל אין די זעלבע צייט.

אגב, דער פאקט אז די קאַץ דארף היילן צום לעבן, איז די סיבה פארוואס מ'וועט טאקע נישט טרעפן די קאַץ אין ערטער וואו די ערד איז הארט, און עס איז שווער דארט צו גראבן טונעלן.

ס'איז וויכטיג ארויסצוברענגען, אז דער סארט לעבנסשטייגער פון פארברענגען דעם טאג אונטער די ערד,



א קאץ צייגט אידע באלאנס טאלאנטן, מערקט די ריינגען אויף איר ווידל

איז נאר דורכאויס די זומער מאנאטן, ווען די קאַץ זוכט צו פארמיידן פון פארברענגען אינדרויסן אין די ברענעדיגע היצן. ווינטער וועט די קאַץ יא אפטער פארבלייבן אינדרויסן אפילו בייטאג, און זיך דווקא ווארעמען אונטער די זון.

דעם סארט לעבנסשטייגער, איז וואס מ'טרעפט געווענליך ביי זאַמד-קעץ, אבער ס'קען זיך מאכן אויסנאמען. די מערסטע קאמישע צווישן זיי, איז געווארן מיטגעהאלטן עטליכע יאר צוריק, ווען פארשער האבן באטראכט די נעסטן פון א געוויסער רויב פויגל וואס לעבט אין די גרעניצן פון דער סאהארא מדבר אין **מאראקא**. אריינבליקנדיג אין די נעסטן אויף דיביימער, זענען זיי ערשטוינט געווארן צו אנטדעקן, אז א זאַמד-קאַץ האט זיך דארט באקוועם געמאכט און איז פארזונקען אין א טיפער שלאף.

דאס איז נישט געווען אן איינצעלנער פאל, נאר פיר באזונדערע קעץ זענען געזען געווארן שלאפן אין נעסטן אויף פיר באזונדערע ביימער. די קעץ האבן זיך אויך באנוצט מיט די נעסטן טאג נאך טאג, פאר כאטש עטליכע וואכן.

## איך שפייז

די נעכט אינ'ם מדבר זענען היפש קיל. עס קען אפילו אראפגיין ביז 30 גראד (ו- צעלסיוס). דעמאלט איז די צייט וואס די קאַץ וועט זיך אויפוועקן פונ'ם בייטאג שלאף, און זיך ארויסלאזן זוכן איר קומענדיגער מאלצייט. די קאַץ וועט קלעטערן און וואנדערן, און זי קען דעקן א שטח פון איבער זעקס מייל אין איין נאכט, ביז זי וועט טרעפן א פאסיגער ציל.

די קאַץ איז א פארצוקער וואס וועט צילן נאך א צאל קלענערע באשעפענישן וואס לעבן אין די מדבריות. דאס רעכנט אריין פארשידענע סארטן ראצן, מייזלעך, קליינע האזלעך, ליזערדס, פייגל, און אפילו גיפטיגע שלענג, וועלכע די קאַץ וועט אטאקירן אן פחד, און אומברענגען איידער עס קען ווערן געביסן.

די קאַץ וועט ארומגיין מיט אנגעשפיצטע אויערן, כדי אויפצוכאפן עפעס וואס געפינט זיך אינ'ם נעגנט און קען ווערן א מאלצייט.

דורך נוצן אירע נידריגע אויערן, וועט זי זיך אויך צוהערן צו גערודער וואס קומט פון קליינע באשעפענישן וואס קריכן אונטער די ערד. אין אזא פאל, וועט זי זיך פלינק אוועקשטעלן, און אנהייבן גראבן א לאך יענעם צו אנטדעקן און פארצוקן.

אין פאל וואס זי כאפט א קרבן וואס איז מער וויפיל זי קען עסן ביי איין מאלצייט, וועט זי באגראבן די איבריגע עסן אין די ערד, און זיך צוריקקערן אין א שפעטערדיגע געלעגנהייט צו ענדיגן די ארבעט...

די מדבריות אין וועלכע די קאַץ לעבט, זענען גאר טרוקענע ערטער, וואו וואסער איז א זעלטנהייט, און די קאַץ קען טאקע גיין פאר עטליכע וואכן אן טרינקען, כאטש וואס אויב זי שטויסט זיך אן אין א וואסער קוואל, וועט זי יא טרינקען (מיט עטליכע יאר צוריק, זענען אפירגעקומען באריכטן פון שבטים וועלכע לעבן אין מדבריות, וואס זיי האבן דערציילט, אז די קעץ זענען געקומען אינמיטן די נאכט טרינקען קעמל מילך וואס די שבט מיטגלידער האבן געהאט צוגעגרייט פאר זייער אייגן באנוץ).

## די קליינע

די מאמע וועט געבוירן פון צוויי ביז דריי בעיבי קעצלעך, איינס אדער צוויי מאל א יאר. די ניי-געבוירענע קעץ זענען גאר קליין, און וועגן ווייניגער ווי דריי אונסעס, אבער זיי וואקסן שנעל אונטער. ביי אן עלטער פון בלויז פינף מאנאטן, וועלכע זיי שוין וואקסן ביז דריי-פערטל פון די מאס פון די עלטערן, און ווען זיי ווערן איין יאר אלט, קענען זיי זיך שוין גענצליך אליין באגיין אין לעבן.

ווי לאנג דאס באשעפעניש לעבט אויף די פריי, איז נישט באקאנט, אבער אין געפענגעניש קען עס דערגרייכן אן עלטער פון ביז ארום 13 יאר. איבער די וועלט זענען פארהאן ארום 200 זאמד קעץ אין פארשידענע טיר-גערטנער, אריינגערעכנט עטליכע שטיק אין די גרויסע **בראנקס זו** אין ניו יארק.



די שיינע פאסן אויף זיינע פאדערשטע פיס



די מאמע קוקט מיט שטרענגע אויגן...



די דיקע פעל אונטער די פיס

דורך: **מרת הורוויץ**



# וַהֲסִירוֹתִי מַחֲלָה מִקִּרְבֶּךָ!

אין די ווינטער קעלט, קען זיך מאכן אפט, אז קינדער פילן נישט גוט. מ'איז פארקילט, דער קאפ שווינדלט, דאס האלז טוט ווי... אויב איינער פון דיינע געשוויסטער אדער חברים פילן נישט אזוי איי-איי-איי, קענסטו טוען עפעס דערוועגן! שיק א זיסער רפואה שלימה קארטל, וואס וועט יענעם זיכער דערפרייען און אים\איר העלפן פילן בעסער! (ספעציעל ביים אנטדעקן וואספארא זיסע אוצרות מ'באקומט ווען מ'ציט ארויף דעם קאפ פונ'ם בערעלע...)

# מייסטערווערק





## צוגעהערן:

- 6-אינטש דורכזיכטיגער פלאכער פלאַסטיק טעלער
- שערל
- 2 הארטע העל ברוינע פאפירן
- בליי
- ברוינער מאַרקער
- פלאַסטיק גלעזל
- מעסטער
- גלו גאָן
- טשאקאלאדע לענטילס
- שמאלער ריבאן

# אָנווייזונגען:



1. שנייד אפ די ראַם ארום דער דורכזיכטיגער פלאַסטיק טעלער. מאל נאך דעם קרייז וואס בלייבט איבער, אויף א העל ברוינער פאפיר. דאס וועט זיין דיין בערעלע'ס בויך.



2. מאָל הענט און פיס ארום דעם בויך, נוצנדיג א בליי. מאָל איבער אלע שטריכן מיט א ברוינער מאַרקער, און מאך א ברוינער קרייז אין יעדע פיסעלע. שנייד אויס דיין בערעלע.



3. לייג אראפ א פלאַסטיק גלעזל אין צענטער פון דיין בערעלע'ס בויך, און מאָל א קרייז ארום דעם. שנייד ארויס דעם קרייז, צו לאזן א רונדעכיגער לאך אינמיטן פונ'ם בויך (זארג זיך נישט, מיר וועלן עס שוין באלד אנפילן מיט גוטע זאכן...)



4. אויפ'ן צווייטן פאפיר, מאָל א רונדעכיגער קאפ פאר'ן בערעלע, מיט אויערן, אויגן, א נאז און א מויל. אונטער דעם, מאָל א לאנגע האלז - א גראָד-עק 2½ אינטשעס ברייט און 4½ אינטשעס לאנג.



5. פארב די אויערן, אויגן, נאז און מויל מיט א ברוינער מאַרקער. פארב א האלבער ברוינער קרייז אין יעדן אויער. שנייד אויס דעם קאפ צוזאמען מיט'ן לאנגען האלז פון דיין בערעלע.



6. נעץ גלז גאָן ארויפצוקלעבן דער דורכזיכטיגער פלאַסטיק טעלער (אן די ראַם, וויל מיר האבן עס שוין פריער אפגעשניטן) אינמיטן פונ'ם בערעלע'ס בויך, איבער'ן לאך. לייג אבער **נישט** קיין קלעבעכץ ארום דעם גאנצן טעלער - לאז עס אפן פון אויבן, כדי אז מ'זאל קענען אריינשטופן דאס האלז פונ'ם בערעלע דארט. דריי איבער דאס בערעלע און פיל אן דעם טעלער דורכ'ן לאך מיט טשאקאלאדע לענטילס (אדער סיי וועלכע דיסווארגן).



7. שטופ פארזיכטיגערהייט אריין דאס האלז פונ'ם בערעלע אינ'ם פלאץ וואס דו האסט געלאזט אפן אונטער'ן טעלער, אזוי אז דאס האלז זאל ווערן ווי א דעקל וואס פארשטעלט דעם לאך אין דיין בערעלע'ס בויך.



8. בינד א שטיקל ריבאן ארום דיין בערעלע'ס האלז, און מאך א שיינער שלייף. שרייב צו א שיינע רפואה שלימה וואונטש, און שיק אפ דיין זיסן בערעלע צו א פאציענט וועמען מ'דארף אביסל דערפרייען! (לאז יענעם אליין פרובירן אויסצורעכענען וועלכער חלק פונ'ם בערעלע מ'דארף רוקן כדי אנצוקומען צום טעלער פון נאשעריי...)



# א מח קריג!

נייע קאמיקס!



בַּיי דִי עֶנְדֶע פוּן דִי צְוֵויטֶע וֶועלְט קְרִיג, אִיז דִי וֶועלְט אַרַיין אִין אַ גֶעיֶעג נָאךְ פָארְגֶעשְׁרִיטֶענֶע טֶעכְנָאלָאגְיֶע. דַייטְשֶׁע פָארְשֶׁער אוּן עֶרְפִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ אַרַיינְגֶעגְלִיטְשְׁט אִין דִי רַאמֶען פוּן דִי אַמֶערִיקַאנֶער רֶעגִירוּנְג פוּן אַיין זַייט, אוּן אִינְ'ם סָאוְויֶעטִישְׁן פַארְבַּאנְד פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, אִין דִי צַייט וָואס זַייעֶרֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע פַארְבְּרֶעכְנְס קֶעגְן אִידְן אוּן קֶעגְן דִי מֶענְטְשְׁהַייט וֶוערְן פַארְקוּקְט. דֶער עִיקָר - אַז זֵיי זָאלְן אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט דִי טֶעכְנָאלָאגִישֶׁע רֶעוָואלוּצְיֶע.

אִינְצְוִוישְׁן טְרֶעפְן זִיךְ צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אִין אַ פֶּערְזֶענְלִיכֶע מִלְחָמָה, וָואס וֶועט גָאר שְׁטַארְק וִוירְקְן אוֹיף דִי צוּקוּנְפְט פוּן דִי מֶענְטְשְׁהַייט בִּכְלַל אוּן פַאר אִידְן בִּפְרַט.

אוֹיף דִי רֶעכְטֶע זַייט הָאבְּן מִיר ר' יִרְמְיָה. אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַרוֹיסְגֶערַאטֶעוֶועט פוּן דִי בִּיטֶערֶע לַאגֶערְן, וָואס אַרְבֶּעט מִיט זַיין פְּלִימֶענִיק יְהוֹשֻׁעַ, אוּן דֶער קְלֵיינֶער חָזְקִי...

אוֹיף דִי לִינְקֶע זַייט שְׁטֵייט קוּרְט. אַ דַייטְשֶׁער פָארְשֶׁער, אַ רָשָׁע מְרוּשָׁע, אַ נַאצִישֶׁע חַיָּה אוּן פַארְבְּרֶעכֶער, מִיט אוּמְבַּאגְרֶענִיצְטֶע קְוֶועלֶער פוּן גֶעלְט אוּן הִילְף. עֶר אַרְבֶּעט מִיט זַיין גֶעהִילְף, דֶער בִּיטֶערֶער רָשָׁע נִיקָאלֶעס, אוּן זַייעֶר שְׁלֶעכְטֶער הוּנְט סְפִינְקְס...

וֶוער וֶועט עֶרְפִינְדְן בֶּעסֶערֶע אַפַּארַאטְן? וֶוער וֶועט אוֹיפְקוּמֶען מִיט בֶּעסֶערֶע פַּאטֶענְטְן? וֶוער וֶועט פִירְן דִי מִלְחָמָה מִיט גֶענִיאַלֶע אַיינְפֶּעלֶער, אוּן וֶוער מִיט הֵייסֶע תְּפִלּוֹת צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער?

לָאמִיר מִיטְהַאלְטְן דִי גֶעהֵיימֶע מִלְחָמָה צְוִוישְׁן דִי שַׁארְפֶע מוֹחוֹת. לָאמִיר זֶען וִוי דֶער אִידִישֶׁער קָאפּ טְרַאכְט, אוּן וָואס אַ אִידִישׁ מוֹיל קֶען אוֹיפְטוּעֶן, מִיטְ'ן דַאוֶוענֶען צוּם רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס אָן זַיין הִילְף וֶועט נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אֲפִילוּ דֶער שַׁארְפְסְטֶער מֹחַ!

**לַייעֶנְט מִיט הֲנָאָה!**









1
דער מוח קריג!
מדבר סאהארא.
נישטא קיין
פארגלייך צו די
שטילקייט פון
מדבר...
בּררררר גררררר צררר!
עטליכע קילאמעטער פון דארט.
יהושע, דאס
איז אונזער סימן.
קענסט אראפליינען
דעם שפאקטיוו...
איך פאר!
אוי וויי!!! וואו
לויפסטו???


וואָהו!
פאַרגעסט נאָר נישט אָנצוטוען דיין שאל מיט די אויגן באַשיצערס. די זאַמד וועט אויס אויסשטעלדיג, אָבער עס קען זיין גאָר געפאַרפולו!
חזקי, יהושע, האַלט אייך פעסט צו!
איז דאס נישט צו געפאַרפול? דער דזשיפ קען נאָר פאָרן ביז 220 קילאָמעטער פער שעה...
זאָרג דיך נישט, דאס לאָז פאַר מיר. מיטן אויבערשטנ'ס הילף, האָב איך גוט מסדר געווען דעם דזשיפ איידער מיר זענען אַרויסגעפאָרן! אַ שאָד אויף יעדע מינוט, אויך זיי זענען אויפן וועג...
דעמאָלט פאַר שנעלער! נאָך שנעלער!
כאַ כאַ כאַו! זיי גייען גלייך אין נעץ אַריין!
וואַף! וואַף!
דרוקן?
ניין! נאָר איך זאָג ווען, און נאָר איך דרוק!!!


דער מוח קריג!
דרייסיג יאר פריער, אילם קאנצענטראציע לאגער שטוטהויף, אין פוילן.
בידך אפקיד רוחי...
ר' ירמיהו ר' ירמיה... דו דארפסט אויפשטיין. מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף וועלן די אמעריקאנער זיגן בקרוב.
קורט איז אנטלאפן פון לאגער איינאיינעם מיט אלע וועכטער! שטארק זיך!
וואס?! קורט איז אנטלאפן?! ניין, שמעון, ניין! דאס טאר נישט פאסירן!
איך האב געוואוסט אז דאס וועט דיך אויפוועקן...
צום וואך שטיבל! צום שטוב פון קורט!
איך גלייב נישט! טראץ זיין אנטלויפן אזוי פלוצלונג, האט ער אלעם מיטגענומען! איין מינוט, וואס איז דאס דארט?...
ירמיה, דו ביסט דער איינציגסטער וואס פארשטייט די גרויסקייט פון מיין ארבעט.
איך וועל נאך מצליח זיין און דו וועסט אנערקענען!!
צום ווידערזען...
קורט
פארזעצונג קומט אי"ה

# ר' אַלטער ערקלערט

מרת איינהארן

**לִכְבוֹד ר' אַלְטֶר,**

פַאַרְוָואס זֶענֶען אַלֶע פִינְגֶערְס פוּן דִי הֶענְט אַן אַנְדֶערֶע מָאס?

אשר הורוויץ
בית שמש



## דֶער עֶנְטְפֶער אוֹיפְ'ן שְפִּיץ גָאפְּל

יֶעדֶע הַאנְט אוּן יֶעדֶעס פִינְגֶער אִיז בַּאשַאפְן גֶעוָוארְן פּוּנְקְטְלִיךְ לוֹיטְ'ן בַּאשֶעפֶער'ס פְּלַאן! מִיר קֶענֶען פְּרוֹבִּירְן צוּ דֶערְגֵיין דִי חֲסָדִים אוּן וואונדער וָואס לִיגְן דֶערִין בַּאהַאלְטְן...

## לָאמִיר בֶּעסֶער פַאַרְשְטֵיין!

אַלֶע קִינְדֶער וֵוייסְן פוּן דֶעם מֶדְרָש אִין פַּרְשַת נֹחַ, אַז הַקָדוֹש בָּרוּךְ הוּא הָאט דַאן אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּאשַאפְן מֶענְטְשְן מִיט פִינְף פִינְגֶערְס אוֹיף יֶעדֶע הַאנְט (אַנְשְטָאט דֶעם אָרִיגִינֶעלְן אוֹיסְשְטֶעל וֶוען דִי פִיר לַאנְגֶע פִינְגֶערְס זֶענֶען גֶעוָוען צוּזַאמְגֶעקְלֶעבְּט ווִי אֵיינְס).

אִין יֶענֶעם דוֹר אִיז עֶס גֶעוֶוען אַ חִידוּש. אַ נֵס!

הַיינְט זֶענֶען מִיר אַזוֹי צוּגֶעווָאוינְט צוּ זֶען פִינְף פִינְגֶערְס אוֹיף יֶעדֶע הַאנְט, אַז מִיר קֶענֶען אַמָאל פַאַרְגֶעסְן פוּן אַלֶע חֲסָדִים וָואס לִיגְן דֶערִין. לָאמִיר אָנְכַאפְּן דֶעם עִנְיָן מִיט אַלֶע 10 פִינְגֶערְס אוּן שְטוּיְנֶען אוֹיף דִי נִפְלָאוֹת הַבּוֹרֵא וָואס גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט!

דִי גְמָרָא זָאגְט (כְּתוּבּוֹת ה: וּבְרַשִ"י וְעַי' בשטמ"ק), אַז פוּן יֶעדֶעס פִינְגֶער הָאט מֶען אַן אַנְדֶערְן נוּצְן, סַיי אִין דִי וָועלְט, אוּן סַיי וֶוען מְ'דַארְף מֶעסְטְן תּוֹרָה'דִיגֶע עִנְיָנִים.

דֶער פַאקְט אַז דִי פִינְגֶערְס זֶענֶען נִישְט דִי זֶעלְבֶּע לֶענְג, עֶרְלוֹיבְּט אַ מֶענְטְש צוּ נוּצְן זַיינֶע הֶענְט פַאר אַלֶעס וָואס פֶעלְט אִים אוֹיס אִין טָאג-טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן.

דֶער וִויכְטִיגְסְטֶער אוּן שְטַארְקְסְטֶער פִינְגֶער אוֹיף דִי הַאנְט, אִיז דֶער דִיקֶער פִינְגֶער (דֶער בֹּהֶן - thumb). דָאס עֶרְלוֹיבְּט אוּנְז אָנְצוּכַאפְּן זַאכְן, אֲפִילוּ גָאר קְלֵיינְטְשִיגֶע זַאכְן, אָנְדֶעם וָואס דִי זַאךְ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְגְלִיטְשְן אָדֶער אַרָאפְּפַאלְן. אוֹיךְ עֶרְמֶעגְלִיכְט עֶס אוּנְז אָנְצוּכַאפְּן עֶפֶּעס גָאר שְטַארְק.

וֶוען מְ'ווִיל אוֹיסְקְלַאפְּן אַ טֶעפִּיךְ פוּן שְטוֹיבּ, צוּם בֵּיישְפִּיל, קְלַאפְּט מֶען עֶס מִיט אַ שְטֶעקְן גָאר שְטַארְק. דֶער שְטֶעקְן קְלַאפְּט זִיךְ נִישְט אַלֵיין! עֶס פַאַרְלָאזְט זִיךְ אוֹיף אוּנְזֶערֶע פִינְף קְלֵיינֶע פִינְגֶערְס צוּ כַאפְּן, הֵייבְּן אוּן קְלַאפְּן!

פָארְשֶער עֶרְקְלֶערְן, אַז אָט דִי צְוַויי סָארְטְן פוּנְקְצִיעֶס, פוּן אָנְכַאפְּן עֶפֶּעס מִיט פּוּנְקְטְלִיכְקֵייט אוּן אָנְכַאפְּן עֶפֶּעס מִיט כֹּחַ, זֶענֶען עֶרְמֶעגְלִיכְט דַוְקָא צוּלִיבּ דֶעם וָואס דִי פִינְגֶערְס זֶענֶען נִישְט דִי זֶעלְבֶּע לֶענְג. דִי **פּוּנְקְטְלִיכְקֵייט פוּנְקְצִיעֶ** לָאזְט אוּנְז שְרַייבְּן, מָאלְן אוּן אָנְכַאפְּן קְלֵיינֶע זַאכְן. דֶער כֹּחַ פוּנְקְצִיעֶ הֶעלְפְט אוּנְז רַייבְּן, קְלַאפְּן, רֵיינִיגְן אוּן אָנְכַאפְּן אַ שְוֶוערֶע לַאסְט.

יֶעדֶע קְלֵיינֶע בַּאוֶועגוּנְג דוּרְכְאוֹיס דֶעם טָאג, אִיז אַזוֹי פִיל גְרִינְגֶער צוּלִיבּ דֶעם אֵייגְנַארְטִיגְן אוֹיסְשְטֶעל פוּן אוּנְזֶערֶע הֶענְט.

אִיר קֶענְט דָאס אַלֵיין פְּרוֹבִּירְן! צוּ מַאכְן אַ גְרִינְגֶע אוּן שְנֶעלֶע פְּרָאבֶּע, בִּינְדְט צוּ דִי בֶּענְדְלֶעךְ פוּן אַ שִיךְ אָן נוּצְן דֶעם דִיקְן פִינְגֶער. עֶס הֶערְט זִיךְ ווִי אַ גְרִינְגֶע פְּרָאבֶּע, אָבֶּער נָאכְ'ן פַאַרְלִירְן דֶעם שְטְרִיק אוּן פַארְפַּאטְשְקֶענֶען דֶעם קְנִיפּ עֶטְלִיכֶע מָאל, וֶועט אִיר אֵיינְזֶען וִויפִיל חֶסֶד לִיגְט אַיינְגֶעוִויקֶלְט אִין דֶעם קְלֵיינֶעם פִינְגֶערְל!

לָאמִיר בָּארְגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן פָּסוּק, אוֹיסְצוּדְרוּקְן אוּנְזֶער דַאנְק פַאר'ן בּוֹרֵא עוֹלָם:

**אֶצְבַּע אֱלֹקִים הִיא!**

## אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע פַאקְטְן:

- דִי מֶענְטְשְלִיכֶע הַאנְט קֶען פָארְמִירְן אַ שְטַארְקֶער פוֹיסְט ווִיבַּאלְד דִי פִינְגֶערְס זֶענֶען נִישְט דִי זֶעלְבֶּע לֶענְג.
- דֶער דִיקֶער פִינְגֶער קֶען פּוּנְקְטְלִיךְ אוּן בַּאקְוֶועם גְרֵייכְן דֶעם שְפִּיץ פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע פִינְגֶערְס, בַּאזוּנְדֶער אוּן צוּזַאמֶען.
- דִי סֶענְסִיטִיוֶוע הוֹיט בַּיים שְפִּיץ פוּן יֶעדְן פִינְגֶער, לָאזְט דֶעם מֶענְטְש שְנֶעל פִילְן הִיץ אוּן קֶעלְט, אַז עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען בַּאשִיצְן דֶערְפוּן.

## לָאמִיר לֶערְנֶען:

- עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין **דְרָשוֹת אֶבֶן שוּעִיב** (פ' אֱמוֹר) אוּן **רַבֵּינוּ בְּחַיֵי** (פ' צו), אַז דֶער דִיקֶער פִינְגֶער (בֹּהֶן-אֲגוּדָל) בַּאדִינְט דָאס מוֹיל. דֶער צְוֵויטֶער פִינְגֶער (אֶצְבַּע) בַּאדִינְט דִי נָאז, דֶער לַאנְגֶער פִינְגֶער (אַמָּה) קֶען דָאס בֶּעסְטֶע אָנְטָאפְּן (חוּש הַמִּישּוּש), דֶער פֶערְטֶער פִינְגֶער (קְמִיצָה) בַּאדִינְט דָאס אוֹיג, אוּן דֶער קְלֵיינֶער פִינְגֶער (זֶרֶת) בַּאדִינְט דָאס אוֹיעֶר.



# כוואַליעס אין פענסטערס

געשריבן דורך: ר' מענדל הערשקאָוויטש
געמאָלן דורך: ר' עזרא מלאכי






פארזעצונג קומט אי"ה




פארזעצונג קומט אי"ה

# שטעל דיר פאָר

## עַל נְטִילַת יָדַיִם



שְׁפִּילֶער: רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי - רַבִּי אֶלְעָזָר בְּרַבִּי שִׁמְעוֹן - יוֹעֶזֶר - יְקוּתִיאֵל - מֹשֶׁה - אַהֲרֹן

פְּרָאפְּס: טִישׁ - קֶעסְטְל - סְפָרִים - סְפָרִים שַׁאנְק

(זוהר הקדוש ח"א פז:-פח.)

## עֶרְשְׁטֶע סְצֶענֶע:

**אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ**

**רַבִּי שִׁמְעוֹן לֶערְנְט פָאר אַ שִׁיעוּר**

**רַבִּי שִׁמְעוֹן:** מִיר וֶועלְן בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם אַדוּרְכְלֶערְנֶען דִי וִויכְטִיגֶע הֲלָכוֹת פוּן נְטִילַת יָדַיִם. אֵיידֶער מִיר לָאזְן זִיךְ אַרַיין דֶערִין, אִיז וִויכְטִיג צוּ וִויסְן אוּן פַארְשְׁטֵיין דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן אָט דִי הַיילִיגֶע מִצְוָה - דִי הַארְבְּקַייט פוּן עוֹבֵר זַיין דֶערוֹיף, חַס וְשָׁלוֹם, אוּן פוּן דִי צְוַוייטֶע זַייט, דֶער אוּמְבַּאגְרֵייפְלִיכֶער שָׂכָר וָואס מְ'בַּאקוּמְט וֶוען מְ'אִיז יָא מְקַיֵּים רִיכְטִיג דִי מִצְוָה.

**רַבִּי אֶלְעָזָר קוּמְט אַרַיין מִיט יוֹעֶזֶר, זַיי זֶעצְן זִיךְ אַרָאפּ**

**רַבִּי שִׁמְעוֹן:** מֶענְטְשְׁן כַּאפְּן נִישְׁט. מְ'כַאפְּט פָּשׁוּט נִישְׁט וִויפִיל מְ'פַארְפַּאטְשְׁקֶעט נֶעבֶעךְ! דֶער עוֹנֶשׁ פַארְ'ן זִיךְ נִישְׁט וַואשְׁן וִוי סְ'דַארְף צוּ זַיין, לוֹיט דִי הֲלָכָה, אִיז שְׁרֶעקְלִיךְ. סְ'בְּרֶענְגְט חָלִילָה אָרֶעמְקַייט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ!

**יוֹעֶזֶר** (צוּ זִיךְ)**:** לָאמִיךְ צוּם עֶרְשְׁט אוֹיסְהֶערְן דֶעם שִׁיעוּר, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶועל אִיךְ שׁוֹין בֶּעטְן אַ בְּרָכָה.

**רַבִּי שִׁמְעוֹן:** אוֹיב מְ'וַוייסְט דִי הַארְבְּקַייט פוּן זִיךְ **נִישְׁט** וַואשְׁן דִי הֶענְט רִיכְטִיג אוּן דֶער שְׁוֶוערֶער עוֹנֶשׁ דֶערוֹיף, קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין, אַז דָאס זֶעלְבֶּע גֵייט אוֹיף פַארְקֶערְט. אַ אִיד וָואס אִיז **יָא** נִזְהָר אִין הִלְכוֹת נְטִילַת יָדַיִם אוּן עֶר פִירְט זַיי אוֹיס מִיט אַן עֶרְנְסְטְקַייט, אַהָ, וִוי חָשׁוּב אוּן טַייעֶר אִיז זַיין מִצְוָה אִין הִימְל! וִוי גְרוֹיס אִיז זַיין שָׂכָר! אַזַא מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט עֲשִׁירוּת, מִיט אַ הִימְלִישֶׁער שֶׁפַע. מִיר וֶועלְן אִי"ה מַמְשִׁיךְ זַיין דֶעם שִׁיעוּר מָארְגְן.

**יוֹעֶזֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף, לֵייגְט בְּרוֹיט אוֹיפְ'ן טִישׁ, אוּן גֵייט זִיךְ וַואשְׁן**

**רַבִּי שִׁמְעוֹן** (צוּ זִיךְ)**:** לָאמִיךְ נָאר צוּקוּקְן וִוי דֶער אִיד וַואשְׁט זִיךְ, אוּן צִי עֶר טוּט טַאקֶע וָואס מִיר הָאבְּן נָארְוָואס גֶעלֶערְנְט.

**יוֹעֶזֶר גִיסְט אַרַיין פוּנְ'ם עֶמֶער, אוּן פִילְט אָן דָאס טֶעפְּל מִיט אַ שֶׁפַע בִּיז אוֹיבְן**

**רַבִּי שִׁמְעוֹן:** אַהָ, מַלֵּא יָדָיו מִבִּרְכוֹתֶיךָ!

**רַבִּי אֶלְעָזָר** (צוּ זִיךְ)**:** דָאס אִיז עֶס. יוֹעֶזֶר אִיז שׁוֹין אַ גֶעהָאלְפֶענֶער!

## צְוַוייטֶע סְצֶענֶע:

**אוֹיפְ'ן וֶועג**

**רַבִּי אֶלְעָזָר אוּן יוֹעֶזֶר גֵייעֶן צוּזַאמֶען**

**יוֹעֶזֶר:** אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער אֵייךְ צוּ דַאנְקֶען, רַבִּי אֶלְעָזָר. יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעלֶעגֶנְהַייט וָואס אִיר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אַבִּיסְל בַּיי אַייעֶר גְרוֹיסֶער הַיילִיגֶער טַאטֶע.

**רַבִּי אֶלְעָזָר:** עֶס אִיז דִיר גֶעלוּנְגֶען. דוּ הָאסְט אַרַיינְגֶעכַאפְּט אַ פֶעסְטֶע בְּרָכָה וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. דֶער טַאטֶע הָאט בַּאמֶערְקְט וִוי דוּ בִּיסְט מְדַקְדֵּק זִיךְ צוּ וַואשְׁן מִיט אַסַאךְ וַואסֶער, אוּן עֶר הָאט מוֹרָא'דִיג הֲנָאָה גֶעהַאט. הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן מִיט אַ תְּפִלָּה, **מַלֵּא יָדָיו מִבִּרְכוֹתֶיךָ!**

**יוֹעֶזֶר:** דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, אַז דִי בְּרָכָה זָאל טַאקֶע מְקוּיָּם וֶוערְן... רַבִּי שִׁמְעוֹן הָאט דָאךְ פָארְגֶעלֶערְנְט, אַז דֶער שָׂכָר פַאר נְטִילַת יָדַיִם אִיז עֲשִׁירוּת.

**רַבִּי אֶלְעָזָר שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ**

**רַבִּי אֶלְעָזָר:** פַיין, יוֹעֶזֶר, בִּיז דָא קֶען אִיךְ דִיךְ בַּאגְלֵייטְן. דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל אַרַיינְשִׁיקְן הַצְלָחָה אוּן שֶׁפַע אִין אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט!

**יוֹעֶזֶר:** אָמֵן! אַ דַאנְק!

**יוֹעֶזֶר גֵייט וַוייטֶער, אַלֵיין**

**יוֹעֶזֶר:** לָאמִיר זִיךְ צוּיַאגְן. מַיינֶע קִינְדֶערְלֶעךְ וַוארְטְן שׁוֹין זִיכֶער אַז אִיךְ זָאל אַהֵיימְקוּמֶען...

**פְּלוּצְלוּנְג שְׁטֶעלְט עֶר זִיךְ אָפּ**

**יוֹעֶזֶר:** אוֹי, אִיךְ בִּין שִׁיעֶר נִישְׁט אוּמְגֶעפַאלְן! וָואס אִיז דָא? עֶפֶּעס אַ מָאדְנֶער בֶּערְגַל אִינְמִיטְן וֶועג?

**עֶר בּוֹיגְט זִיךְ אַרָאפּ, אוּן גְרָאבְּט אַבִּיסְל**

**יוֹעֶזֶר:** אִיךְ גְלֵייבּ נִישְׁט! אַן אוֹצָר! אַ קַאסְטְן פוּל מִיט גָאלְד! וִוי וואוּנְדֶערְלִיךְ... אַזוֹי שְׁנֶעל זֶענֶען רַבִּי שִׁמְעוֹן'ס וֶוערְטֶער מְקוּיָּם גֶעוָוארְן!

**עֶר הֵייבְּט אוֹיף דֶעם קַאסְטְן**

**יוֹעֶזֶר:** יָא, דֶער בַּאשֶׁעפֶער בְּלֵייבְּט נִישְׁט שׁוּלְדִיג פַאר דִי וָואס הִיטְן אָפּ זַיינֶע מִצְווֹת!

## דריטע סצענע: ביי יועזר אין שטוב

**יועזר זיצט אויבנאן, יקותיאל און שמואל זיצן ביי די זייטן פון טיש, אהרן שטייט ביי די זייט**

**יועזר:** אהרן, מאך זיכער אז די חשוב'ע געסט האבן צו עסן און צו טרינקען ברוח גדול. גיב זיי פון דאס בעסטע און שענסטע וואס איך פארמאג.

**אהרן:** איך גיי שוין אריין אין די קיך, און איך וועל אנהייבן אריינברענגען די מאכלים.

**יועזר פארטיפט זיך אין א ספר; יקותיאל זאגט צו מנשה**

**יקותיאל:** איך האב אסאך געהערט אויף דעם איד. ער איז א זעלטענער בעל מכניס אורח, און דערצו א גרויסער בעל צדקה. נאך די סעודה וועלן מיר אים בעטן געלט אויף צדקה. איך מיין אז מיר קענען האפן אויף א שיינע נתינה.

**יועזר הייבט אויף די אויגן**

**יועזר:** מיינע טייערע געסט, מ'ברענגט שוין אריין דאס עסן, איך וועל אייך דערווייל נאכזאגן גאר א שיין שטיקל תורה. איר וועט זיך זיכער דערקוויקן. ווילט איר הערן?

**מנשה:** וואס פאר א פראגע? אוודאי ווילן מיר הערן. אז מ'זאגט תורה בשעת'ן עסן, זאגט דאך שוין די משנה (אבות ג, ג), **שלשה שאכלו על שלחן אחד ואמרו עליו דברי תורה, כאילו אכלו משלחנו של מקום ברוך הוא.**

**יקותיאל:** צו קענען באקומען סערווירט א רייכע סעודה בסבר פנים יפות, און דערצו אויך הערן תורה'דיגע פערל ווערטער, איז דאך ממש א געוואלדיגע זאך. נישט קיין וואונדער אז דער גרויסער רבי שמעון בן יוחאי זאגט אויף אייך דעם פסוק (ישעי' מא, טז), **ואתה תגיל בה' בקדוש ישראל תתהלל.**

## ניגון:

דעם ניגון קען מען זינגען צום סוף:

(מעוז צור ישועתי)

ווי גרויס איז די מצוה פון נטילת ידים

און ווי וויכטיג איז עס אויסצופירן לויט די הלכה

דער וואס איז די מצוה טאקע ריכטיג מקיים

ווערט געבענטשט מיט א הימלישע שפע און ברכה

ווען רבי שמעון בר יוחאי האט אויף מיר דערקענט

אז מיט א פארזיכטיגקייט וואש איך זיך די הענט

האט ער געוואונטשן גלייך

"דו וועסט ווערן רייך

אין זכות פון דיין אפגעהיטנקייט און זהירות"

אן אוצר פארשטעקט

האב איך טאקע אנטדעקט

און זוכה געווען צו א גרויס עשירות

## האסטו געוואוסט?

עס שטייט אויך אין די גמרא (שבת סב:), אז נטילת ידים איז א סגולה צו עשירות. עס ווערט גע'פסק'נט אין שולחן ערוך (או"ח קנ"ח סעי' ט-י), אז מ'איז מזלזל אין נטילת ידים קומט מען לידי עניות ח"ו. דערצו שטייט אז מ'זאל זיך וואשן מיט וואסער בשפע, וואס דאס ברענגט פון אלעם גוטן.

דער כתם פז לייגט צו, אז צוליב דעם וואס ער האט נישט געוואלט נעמען שכר בחנם (ועה"ש שפיל לעצטע וואך), האט ער זוכה געווען צו געבן עסן פאר אנדערע. אזוי זאגט דאך שוין די משנה (פאה ח, ט), **וכל מי שצריך לטל ואינו נוטל, אינו מת מן הזקנה, עד שיפרנס אחרים משלו** - אז איינער וויל נישט נהנה זיין פון אנדערע, וועט זוכה זיין אז אנדערע וועלן זיך מפרנס זיין פון אים.

## שמייכל:

דער שמועס קען פארקומען צווישן צוויי מענטשן צווישן די סצענעס

**בערל:** אוי, ס'איז נישט גרינג, נישט גרינג...

**שמערל:** וואס קרעכצסטו אזוי? וואס האט פאסירט?

**בערל:** ווען דו וואלסט געוואוינט מיט א משפחה פון 12 קינדערלעך בלי עין הרע אין א הויז וואס באשטייט פון צוויי פיצקעלע צימערן, ווען אין יעדן ווינקל רעגנט אריין פון דאך און דער ווינט גנב'עט זיך אריין פון יעדן לאך אין די וואנט, וואלסטו אויך אזוי געקרעכצט... מיר זענען פשוט צופיל מענטשן פאר אזא קליין הויז, און ס'פילט זיך ענג!

**שמערל:** איך האב אן אייזערנעם איינפאל פאר דיר: קויף א ציג, און ברענג אים אריין אין דיין הויז. ס'איז א סגולה בדוק ומנוסה!

**בערל:** א ציג?! ביסט נארמאל?! קוים וואס מיר לעבן דארט מיט 14 נפשות, און דו ווילסט אז איך זאל נאך אריינשטופן א ציג אין אונזער הייזקעלע? ער וועט איבערקערן אלעס, אנמאכן א שמוץ און א חורבן, און אנפילן אונזער קליין צעשטופט דירה'לע מיט אן אומדערטרעגליכער שמעק. פארוואס זאל איך אריינעמען א ציג צו זיך אין שטוב?

**שמערל:** דאס איז טאקע דער ציל... נעם אריין א ציג פאר א טאג-צוויי, און ווען דו האלטסט עס שוין טאקע נישט אויס, פארטרייב אים. פלוצלונג וועט דיין הויז זיך פילן ממש ווי א פאלאץ, רחבות'דיג און רואיג און שטיל און ריין און צוזאמגענומען!

אחודה נא לכם **ע**

# חִידָה



## קלער אריין:

וואס
מיינט **ע**לימינירן?

א. דערהייבן
ב. דערקוטשען מיט פראגעס
ג. איבערראשן
ד. באזייטיגן, פטור ווערן פון

## קלער לעבגער:

**א.** הקוה"ט
ב. לכו"ע
ג. נבג"מ
ד. ציס"ע
ה. תיק"ו

## קלער צוריק:

לאמיר צוריקפארן אין היסטאריע, און זיך באקענען מיט פערזענליכקייטן, פלעצער און געשעענישן. קענסטו זיי אויסשטעלן אינ'ם ריכטיגן סדר?

א. רב **ע**מרם גאון
ב. **ע**זרא הסופר
ג. רבי יעקב ישראל **ע**מדין זצ"ל - יעב"ץ
ד. **ע**גלון מלך מואב
ה. רבי יעקב **ע**טלינגער זצ"ל - בעמח"ס **ע**רוך לנר

## קלער טיף:



### 1. **ע**פן די טיר!

פאר דיר שטייט א פארשפארטע טיר, מיט א נומער שלאס וואס דו דארפסט עפענען. דו דארפסט אויסרעכענען דעם קאָוד פון נומערן וואס מ'דארף דרוקן צו עפענען דעם שלאס - סיי דער נידריגסטער נומער וואס ס'קען זיין, און סיי דער העכסטער נומער וואס ס'קען זיין - לויט די פאלגענדע פאקטן:

- דער נומער באשטייט פון פיר ציפערן.
- מ'קען צעטיילן דעם נומער פונקטליך אין פיר.
- די צאל וואס מ'באקומט ווען מ'רעכנט צוזאם אלע פיר ציפערן, איז גלייך צו די צאל וואס מ'באקומט ווען מ'דאפלט (x) די פיר ציפערן איינס מיט'ן צווייטן.
- מ'קען נוצן דעם זעלבן ציפער מער ווי איין מאל.

### 2. **ע**ל הנסים ועל הפורקן...

מיט וואס איז חנוכה אנדערש ווי אלע אנדערע ימים טובים?

*(רמז: טראכט פון די חדשי השנה)*

געשריבן דורך: מרת ה. פריעדמאן
דורך: מרת ב.ש. האוולין

# איצי פיצי און ציפי



בס"ד

# אַ הערליכער 100 קאַרטל-שפיל
# וואָס איר ווילט נישט פאַרפאַסן!
# באַקומט עס בחינם! ווי אַזוי?




## די קומענדיגע פיר וואָכן בייגעלייגט אין 100!
## לויפט און קויפט די 100 און איר וועט באקומען
## די גאַנצע סעט קאַרטלעך אומזיסט!




**סורפרייז קאַרטלעך!**

צעשפרייט צווישן די 100 אויסגאַבעס וועלן זיין לאַטאָ קאַרטלעך מיט וועלכע מען קען געווינען פיר ערליי מתנות!

עס וועלן זיין 20 געווינער יעדע וואָך! איר ווילט דאָס נישט פארפאַסן!




**לויפט און קויפט! לייענט און שפילט!**
**לערנט און זאַמלט ידיעות!**